# תורת אביגדור

באידיש

## הגאון ר׳ אביגדור מיללער זצ״ל

**מהדורת אחת שאלתי**

**לע״נ הרה״ח ר׳ חיים שמואל מאיר ב״ר יצחק פינחס וואלהענדלער ז״ל**

נלב״ע כ״ב שבט תשע״ב לפק

## פרשת כי תשא

# די צוויי וועגן פון חסד

**פרנס השבוע**

נדבת השבוע נתנדב

**לזכות כל הרוצים להתקרב לעבודתו יתברך שמו,**
**ובפרט בעניני שמירת העניים!**

◆◆◆

זיכוי הרבים יעמוד לכל הנדבנים החשובים, ומשתתפים בהדפסה, והפצה, שיזכו לראות רב נחת מכל יוצ״ח ולהתברך בכל מילי דמיטב.



לימוד "תורת אביגדור" מוקדש לע"נ האי גברא רבא,
איש יקר מאוד נעלה, רודף צדקה וחסד בכל נימי נפשו,

**הרה"ח המפואר מו"ה ר' מיכאל משה יהודה**
**ב"ר יצחק ישכר מנחם מנדל זילבערבערג ע"ה**

**הוא הגבר מוליך ומביא כמה שנים, מידי שבוע בשבוע, מבית מדרש לבית מדרש להפיץ הגליונות "תורת אביגדור" אידיש ואנגליש, ועוד כמה גליונות חשובות בחפץ לב, במטרה להרבות כבוד שמים.**

זכה וזיכה הרבים במסירות נפש עד זיבולא בתרייתא כשנפ' ערב חג הסוכות תשפ"ב. יהא זכרו ברוך

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת,
אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**,

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער**
**אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**זייט מנדב 2000 תורת אביגדור'ס פאר בלויז $600 א וואך**

**צו מנדב זיין די הפצה אין**
**בארא פארק רופט: 347.451.0332**
אימעילט: Director@torasavigdor.org
פאר סיי וועלעכע אנדערע פראגעס ביטע רופט: 103x 732-844-3670

**צו מנדב זיין די הפצה אין וויליאמסבורג**
**רופט: 929.236.6802**

**צו מנדב זיין די הפצה אין קרית יואל**
**רופט: 845.213.7571** לאזט א מעסעטשט

**פאר לינדען נ.ז. 347-415-6571**

**פאר אנטווערפען רופט 0484.714.425 - 0484.229.929**

**פאר די אלוועלטליכע הפצה רופט 347-451-033**

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן
**נאך א תורת אביגדור, נאך א נשמה באגייסטערט!**

בשריכה מיוחדת
גליונות לשבת קודש

© Copyright 2021 by: *TorasAvigdor.org*
**Email:** Director@torasavigdor.org | **Telephone:** 347.451.0332
**Address:** 1276 50th street, Brooklyn NY 11219

# פרשת כי תשא
שנה ג׳

# די צוויי וועגן פון חסד

תוכן:

חלק א. חסד - חלק ב. אן אנדער סארט חסד - חלק ג. אייביגע חסד

## חלק א. חסד

### דער נויטפאל נוסח פון תפילה

ווען עס פאסירט אמאל אז א איד איז חלילה זייער קראנק - ער ליגט אין שפיטאל אין א גאר ערנסטן מצב - לויפן זיינע פאמיליע מיטגלידער צום נאנטסטן שול און בעטן די מתפללים וואס געפינען זיך דארט צו זאגן די ספעציעלע תפילה וואס מ׳בעט פאר איינער וואס איז אין א גרויסע סכנה. זיי זאגן נישט בלויז תהלים - דאס זאגט מען פאר א געוועונליכער חולה אבער ווען א מענטש געפינט זיך אין א קריטישן מצב, איז דא א ספעציעלע תפילה צו זאגן וואס שטייט געשריבן ביים סוף פונעם ספר תהלים.

דאס איז דער זעלבער נוסח וואס מען זאגט ווען עס קומען די ימים נוראים, די פארכטיגע טעג. אין יענע צייט ווען עס גייט פארשריבן ווערן אונזער גורל פאר׳ן קומענדיגן יאר, איז דאן אויך א קריטישער מצב און דערפאר שטייען מיר אויף גאר פרי און מיר גייען אין שול צו בעטן אויף חסד פון באשעפער. אין די סליחות זאגן מיר דעם זעלבן נוסח וואס מיר זאגן פאר דעם שווער קראנקער איד. מיר זאגן עס מער ווי איין מאל - צומאל ווערט עס געזאגט פיר אדער פינף מאל; נאכאמאל און נאכאמאל חזר׳ן מיר איבער די ווערטער.

אלזא, א טייל פון דעם נוסח - אייגנטליך איז עס דער עיקר פון די גאנצע תפילה - זענען אפאר פסוקים פון די היינטיגע וואכעדיגע סדרה. נאך דעם זינד פון דער חטא העגל, ווען דער באשעפער האט שוין מוחל געווען פאר׳ן פאלק, האט משה רבינו געהאט א ספעציעלע בקשה צום באשעפער: **הוֹדִעֵנִי נָא אֶת דְּרָכֶךָ** - ״לערן מיר דיינע וועגן״ (כי תשא לג:יג). משה רבינו האט געוואלט פארשטיין דעם באשעפער׳ס פירונג מיט א מענטש. ווען א מענטש ווייסט דאס, איז ער גרייט צו ביישטיין יעדער נסיון וואס קומט אויף אים - צו וויסן דעם באשעפער׳ס וועגן מיט׳ן מענטש מיינט אז דו ווייסט דעם סוד צו הצלחה.

## די הייליגע מידות

און דאן, **וַיַּעֲבֹר ה' עַל פָּנָיו** - דער באשעפער איז אריבער אויף משה, **וַיִּקְרָא** - און ער האט אויסגערופן, **ה' ה'** - דאס איז איינס, צוויי, **קל רַחוּם וְחַנּוּן** - דריי, פיר, פינף און אזוי ווייטער. דער באשעפער האט אויסגערופן צו משה די דרייצן נעמען וואס באצייכענען זיינע מידות; די י"ג מידות של רחמים, די דרייצן וועגן פון חסד מיט וואס דער באשעפער פירט די הנהגה פון די וועלט (שמות לד:ו). "אויבווילסטו וויסן ווער איך בין," זאגט דער באשעפער, לערן די ווערטער, דורך וועלכן דו וועסט געפינען חן אין מיינע אויגן."

די פסוקים זענען אזוי געהויבן, אז די גמרא (ראש השנה יז:) זאגט אז אין יענע צייט האט דער באשעפער, כביכול, זיך באקליידט מיט א טלית גדול און ער האט אנטפלעקט פאר משה אז דאס איז דער וועג פון דאווענען צו אים אין א צייט פון נויט. דערפאר טאקע ווען מיר זוכן ספעציעלע חן ביים באשעפער - ווען א מענטש זעט ווי איינער ראנגלט זיך מיט'ן טויט אדער ווען דאס גאנצע פאלק זוכט פארגעבונג - רעכענען מיר אויס די דרייצן מידות; עס ווערט באטראכט ווי איינע פון די שטארקסטע תפילות - יעדער ערליכער איד ווייסט, אז צו זאגן די י"ג מידות של רחמים האט א גרויסן כח צו ממשיך זיין א ישועה.

פונדעסטוועגן, טראכטן געוויסע מענטשן אז עס איז בלויז א נוסח - מען זאגט עס ווייל דאס איז די וועג צו באקומען א סליחה אויף די עבירות - און אזוי זאגן זיי עס נאכאמאל און נאכאמאל און נאכאמאל אן צו אריינטראכטן אין וואס זיי זאגן. ריכטיג, מען האט סיי ווי נישט קיין צייט ווייל אפילו אויב דו זאלסט נאר פראבירן צולייגן אביסל כוונה דערצו, דאן נאך איידער דו ענדיגסט זאגן וועט שוין דער שליח ציבור האלטן ביים קומענדיגן שטיקל; אבער דאך איז א גוטע עצה כאטש אמאל אמאל צו זאגן די ווערטער שטייט.

## אוצרות פון געוואלדיגע חכמה

אבער דער אמת איז, אז אפילו ווען מיר זאגן די ווערטער שטייט - לאמיר זאגן דו לאזט דעם שליח ציבור לויפן פאראויס און דו נעמסט זיך אביסל צייט צו אריינטראכט אין די ווערטער - וועלן מיר דאס נאך אלץ נישט באמת פארשטיין. נאך אלעם, ווען מיר הערן ווי דער באשעפער האט ערפילט די בקשה פון משה -"און איך וועל מאכן מיין פנים אריבערגיין פאר דיר" - ערווארטן מיר עפעס א סארט געוואלדיגע אנטפלעקונג, א חידוש גדול, אפשר עפעס קבלה זאכן. און אזוי ווערן מיר פארוואונדערט און אפילו אנטוישט, אז דאס גאנצע וואס איז אנטפלעקט געווארן איז בלויז דער פסוק.

אבער מיר פארשטייען אז דער באשעפער האט נישט געשפילט אויף משה און דערפאר מוזן מיר זאגן אז עס ליגט דערין עפעס א גרויסע זאך, נישט סתם רייד. דער באשעפער האט אויסגעלערנט פאר משה דרייצן מסכתות פון אינפארמאציע, דרייצן געוואלדיגע בענדער פון חכמה ליגן באהאלטן אין אט די נבואה.

דער אמת איז אז עס איז דא אזויפיל צו זאגן איבער יעדע פון די דרייצן מידות, אז דאס ווארט 'מסכתא' איז אונטערגעשאצט. יעדע איינע איז א גאנצער ש"ס פון חכמה - עס איז אפילו נישט איבערגעטריבן צו זאגן אז יעדע איינע איז מער ווי די גאנצע ש"ס. נאך אלעם, אויב הארעוועט

מען שטארק קען מען ענדיגן דורכלערנען דעם ש"ס - יעדער וואס האט אן אמת'ער רצון קען ענדיגן ש"ס. פארשטייט זיך אז אויב הייבסטו אן ביי די פינף און אכציג יאר אלט, דאן ווייס איך נישט, אבער אויב הייבסטו אן אביסל פריער אין לעבן און דו האסט א רצון, דאן קענסטו דאס באווייזן. אבער צו דורכלערנען די וועגן פון באשעפער ווי אזוי ער פירט די וועלט איז ווי פיל גאנצע ש"ס'ן; עס איז בבלי און ירושלמי און נאך פיל מער ווי דאס.

## פארשטיין דעם פארכטיגן נאמען

אלזא, איך בין נישט דער וואס איז פעאיג צו עפענען די געוואלדיגע אוצרות פון חכמה און זיי ערקלערן צו איין, אבער מיר דארפן כאטש פראבירן כאפן א קליין בליק דערין. אפילו אויב עס איז בלויז ווי א טראפ פון די אקעאן, אבער איין טראפ פון פארשטאנד אין די דרכי ה' אויף די וועלט איז שוין א געוואלדיגע דערגרייכונג. און אויב בלויז צו איבער'חזר'ן די י"ג מידות האט דעם כח צו ברענגען א גרויסע ישועה - און עס איז טאקע אזוי - איז אודאי אויב מיר פראבירן עס אפצולערנען, צו פארשטיין די וועגן פון באשעפער ווי אזוי ער פירט די וועלט, וועלן מיר זוכה זיין צו אלע סארטן ישועות.

איז אלזא, וועלן מיר ביי דעם שיעור מאכן א פרואוו צו אפלערנען די ערשטע מידה; דער נאמען 'ה''. למעשה, מען פירט זיך נישט ארויסצוזאגן דעם שם המפורש אדער אפילו די אותיות פון דעם באשעפער'ס פארכטיגער נאמען, איז אנשטאט דעם אות 'הא' וועלן מיר זאגן 'קא'. דער נאמען איז צוזאמגעשטעלט פון 'יוד קא ואו קא'. עס איז נישט באקאנט ווי אזוי ארויסצוזאגן פונקטליך דאסווארט. דער אופן ווי אזוי די גוים זאגן עס איז זיכער פאלש, נישטא קיין ספק אין דעם.

אבער סיי ווי אזוי מ'זאגט עס, זעען מיר גלייך אז דער שורש פון דאס ווארט 'יוד קא ואו קא' איז דאס ווארט הוה - זיין, אדער היה - צו זיין. דער אמת איז אז עס באדייט פיל מער ווי דאס, אבער ס'איז קלאר אז דאס ווארט האט עפעס א פארבינדונג מיט 'זיין - עקזיסטירן'. דאס מיינט, סיי אז דער באשעפער האט אן עצמיות'דיגע עקזיסטענץ און סיי אז ער איז 'מהוה' - ער איז גורם עקזיסטענץ אין די וועלט. אלעס וואס האט אמאל עקזיסטירט, אלעס וואס עקזיסטירט יעצט און אלעס וואס וועט אמאל עקזיסטירן; איז נאר ווייל דער באשעפער וויל עס זאל עקזיסטירן. 'יוד קא ואו קא' מיינט, אז אלעס איז אונטער דער קאנטראל פון באשעפער; ער האט אלע שטריקן אין זיין האנט און ער ציט אלע שטריקן א גאנצע צייט.

## עקזיסטענץ און חסד

אבער דאס איז נאר איין פרט, ווייל מיר האבן א מסורה אז 'יוד קא ואו קא' באציט זיך נישט נאר צום באשעפער'ס עקזיסטענץ נאר צו זיין מידת החסד. דאס מיינט, אז וואספארא שטריקן דער באשעפער ציט, דאס הייסט אז סיי וואס עס פאסירט אין די וועלט, ווערט עס אלעמאל געטון דורך זיין מידת החסד.

דער אמת איז אז עס איז נישט בלויז אונזער מסורה - סיי ווער עס עפנט זיינע אויגן וועט דאס פארשטיין. אויב מיר קוקן זיך ארום קענען מיר זען אז אלעס אין די וועלט; דאס גאנצע עקזיסטענץ, איז געמאכט מיט א ציל פון חסד. אויב וועסטו ריכטיג דורכשטודירן די וועלט -

טראץ וואס צומאל וועסטו נישט קענען פארשטיין אלעס - אבער דו וועסט אפלערנען אז **חֶסֶד ה' מָלְאָה הָאָרֶץ**, די וועלט איז פול מיט דעם חסד פון באשעפער (תהלים לג:ה).

## וואונדערליכע זאמד

גלייך ווען דו נעמסט דיין ערשטער טריט אויף די ערד, טראכט אריין אז די ערד איז חסד - אויב דו גייסט ארויס אין גאס און דו טרעטסט אראפ פון די אויסגעפלאסטערטע וועג אויף די זאמד, דארפסטו וויסן אז דו שפאנסט אויף חסדי ה'. דו זאלסט דאס פראקטיצירן פון מאל צו מאל; כאטש פאר אפאר טריט בשעת דו גייסט אויף די זאמד זאלסטו זיך דערמאנען אז דו שפאנסט אויף דער מקור פון שמחה.

זאמד איז א געוואלדיגע מתנה; ס'איז נישטא עפעס אזוי ווי דעם. ס'איז א וואונדערליכער מאטריאל, כמעט נישטא קיין פארגלייך דערצו אין כעמישע קאמבינאציעס. איך זאג 'כעמישע' אבער דער אמת איז אז זאמד איז מער לעבעדיג ווי א דומם. אין איין לעפל זאמד איז דא מער לעבעדיגע באשעפענישן פון וויפיל מענטשן עס זענען דא אין גאנץ ניו יארק! ערד איז אנגעפילט מיט לעבעדיגע בריאים; ביליאנען באצילן, פאנגוס, מורישקעס און ערד-ווערים - די ארמייען פון באשעפער ארבעטן אלע צוזאם צו פראדוצירן עסנווארג פאר אונז.

## ערד און קליידונג

פון די ערד קומט ארויס גראז און גראז איז פאר אונז אלעס - די קיען עסן גראז און זיי פראדוצירן מילך. קעז און פוטער און סמעטענע קומען אלע פון די גראז וואס קיען עסן. אויך פלייש! די קיען עסן גראז און זיי פארוואנדלען די גראז צו פלייש און פון דעם קומען ארויס נאך קיען. די פלייש פון וואס מיר געניסן אין די טשולענט קומט פון גראז, פון די ערד. און דאס איז בלויז איין ביישפיל - אלע מאכלים פון וואס מיר געניסן אלע טעג פון אונזער לעבן שטאמען פון דער מקור פון די ערד.

אבער נישט נאר די חסד פון אלע אונזערע עסנווארג איז וואס מיר באקומען פון דעם באשעפער'ס ערד; אויך אלע אונזערע קליידונג שטאמען פון די ערד. אויב טראגן מיר וואלענע מלבושים, קומט דאס פון די ערד ווייל פון וואו באקומען דען די שעפעלעך די וואל וואס וואקסט אויף זייער רוקן? זיי עסן נישט קיין וואל - זיי עסן גראז וואס ווערט פארוואנדלט אין וואל. און פון וואו קומט די גראז? פון די ערד. לייוונט קומט פון די ערד. לינען קומט פון די ערד. דו טראגסט אויף זיך א זיידענער העמד? אויך דאס קומט פון די ערד ווייל די זיידן ווערים קענען נישט פראדוצירן קיין זייד נאר אויב זיי עסן מאטריאלן וואס קומט פון די ערד, ווי מולבערי בלעטער, וואס זיי פארוואנדלען צו זייד.

די אקעאנען, ימ'ען און טייכן זענען פול מיט חסד. הערליכע פעטע גלאנציגע פיש קומען ארויס פון דארט. טראכט פון די אלע מאלצייטן וואס דו קענסט צושטעלן פון פיש. פונקט ווי מען שניידט דאס גערעטעניש פון די פעלדער, אזוי געבן די טייכן ארויס א גערעטעניש פון געשמאקע, פעטע פיש. הונדערטער טאן פון פיש ווערן יעדן טאג ארויסגענומען פון די טייכן. באטראכט דורך די פיש געשעפט שויבן די פילצאליגע סארט פיש וואס זענען אויסגעשטעלט צום פארקויפן; שטעל זיך אמאל אפ און כאפ א בליק, נישט צו קויפן עפעס, בלויז אויף צו זען מיט דיינע אייגענע אויגן די חסדי ה'. אהו! א תענוג.

### זייער א גוטע וועלט

אבער איך האלט בלויז ביים אנהייב. וואלקענעס זענען א מקור פון פרייד! רעגן איז א גרויסע שמחה! דו קענסט זען? דער באשעפער האט דיר געגעבן צוויי פונקציאנירנדע אויגן? אהה, ס'איז א תענוג צו זען די קאלירן פון די וועלט ארום אונז. **גָּדְלוֹ וְטוּבוֹ מָלֵא עוֹלָם**, זיין גרויסקייט און גוטס פילט אן די וועלט!

אלזא, איך ווייס אז ווען איך זאג די ווערטער גייט עס נישט אריין אין קאפ; עס זעט אויס ווי איבערגעטריבן, אבער דער אמת איז אז דאס איז בלויז א טראפ אין אן אמפער וואסער פון וואס דאס ווארט 'ה'' באדייט; די וועלט איז אנגעפילט מיט מיליאנען אופנים פון חסד מיט וואס דער באשעפער באגיסט אונז און אפילו ווען מיר וועלן רעדן דערפון א גאנצע נאכט, וועט יעדער סארט חסד וואס מיר וועלן דערמאנען בלויז זיין א קליין טייל פון די אומגעהויערע חסדי ה'.

ווי מער מען טראכט דערפון אלץ מער אנערקענט מען אז **עוֹלָם חֶסֶד יִבָּנֶה** - דער באשעפער האט געבויעט די וועלט מיט'ן ציל פון חסד (תהלים פט:ג). יעדער פרט וואס דו באטראכסט, צילט צו איין ריכטונג. נישט נאר אז עס איז דא א באשעפער, א 'יוד קא ואו קא' וואס האט אלעס אריינגעברענגט אין עקזיסטענץ און זעצט פאר צו עקזיסטירן, נאר אז דער באשעפער איז א חפץ חסד וואס זיין גאנצע כוונה איז צו מהנה זיין די מענטשן. דער נאמען 'ה'' איז די מידה פון ענדלאזע חסד וואס ווערט געגעבן צו די וועלט.

# חלק ב. אן אנדער סארט חסד

### ענליכע מידות?

אצינד ערוועקט זיך אבער א גרויסע שאלה: ווען דער באשעפער האט גערופן צו משה און אנטפלעקט זיין ערשטער און שטארקסטער איבערוועלטיגנדער וועג ווי אזוי ער פירט די וועלט - "ה', דער חפץ חסד" - האט ער אויסגערופן זיין צווייטע מידה, און וואס איז דאס געווען? ער האט אויסגערופן א צווייטע מאל "ה'"; די זעלבע 'יוד קא ואו קא'.

אלזא, מיינט נישט אז עס איז די זעלבע ווי דער ערשטער 'ה'' וואס איז בלויז מער באטאנט געווארן - אז אויב דו האסט זיך פאר'חלומ'ט ווען דו האסט געזאגט דער ערשטער 'ה'', באקומסטו נאך א געלעגנהייט. אה ניין, דער צווייטער 'ה'' ווערט גערעכנט אלס די צווייטע מידה פון באשעפער - עס איז די צווייטע אין די רייע פון די דרייצן מידות.

אויף דעם האבן זיך אונזערע חכמים געוואונדערט (ראש השנה יז:); ווי אזוי קען "ה', ה'" באטראכט ווערן ווי צוויי באזונדערע מידות? נאך אלעם זענען די צוויי פונקט די זעלבע ווערטער. דאס זעלבע ווארט זאל באדייטן צוויי אנדערע וועגן פון באשעפער ווי אזוי ער פירט די וועלט?

### די זעלבע אבער אנדערש

ערקלערט די גמרא, אז כאטש וואס די צוויי זעען אויס ווי די זעלבע ווערטער, באדייטן זיי אבער נישט אינגאנצן די זעלבע הנהגה: **אֲנִי הוּא קֹדֶם שֶׁיֶּחֱטָא הָאָדָם וַאֲנִי הוּא לְאַחַר שֶׁיֶּחֱטָא הָאָדָם** - איך בין דיין באשעפער איידער דו זינדיגסט און איך בין דיין באשעפער נאך וואס דו זינדיגסט.

דאס מיינט אז עס זענען דא צוויי באזונדערע הנהגות ווי אזוי דער באשעפער, דער חפץ חסד, באהאנדלט די מענטשהייט פון די וועלט. איין וועג איז פון איידער א מענטש באנארישט זיך און די צווייטע איז פון דערנאך, אבער אין יעדן פאל פירט זיך דער באשעפער מיט דיר מיט זיין מידה פון חסד.

צי מיינסטו אז דער באשעפער טוישט זיך נאך וואס א מענטש באגייט א פעלער? אז אצינד איז ער אן אנדערער סארט באשעפער? אז ער איז יעצט ברוגז און פול מיט נקמה?

אה, ניין! דער באשעפער פון איידער דו ביסט געפאלן איז דער זעלבער באשעפער פון נאך וואס דו ביסט געפאלן; ער טוישט זיך אינגאנצן נישט. ער איז נאך אלץ 'יוד קא ואו קא', דער באשעפער פון עולם חסד יבנה. נאר דער חילוק איז, אז יעצט העלפט ער דיר אויף אן אנדערן וועג.

## די גוטע ווייב

איך וועל געבן א משל. לאמיר זאגן, ווען דו ביסט נאך געווען יונג און געזונט און דו האסט זיך אפגעגעבן מיט דיינע פארגעניגנס. דו האסט געהאט א גוטער, שטארקער מאגן, אזוי אז דו האסט געקענט אלעס עסן. דיין ווייב האט דיר סערווירט פלייש און קוגלען; אלע סארט גוטע עסנווארג. צומאל האט זי דיר אויך געברענגט א שטיקל שאקאלאד קוכן. זי איז זייער א גוטע ווייב, א ווייב פול מיט חסד, און דיין נאכטמאל טיש איז געווען ווי א וועלט פון חסד.

אבער אצינד האסטו חלילה א רואינירטער מאגן צוליב די אלע נאשערייען וואס דו האסט געגעסן און דער דאקטער זאגט אז דו דארפסט עסן אנדערע סארט מאכלים; לייכטערע עסנווארג. און אזוי זיצטו ביים טיש ערווארטנדיג דיינע געוועגליכע גוטע שפייז און דיין ווייב ברענגט אריין א טעלער מיט אביסל טרוקענע קרעקערס און א גלאז מילך. פרעגסטו איר, "חנה, דו ביסט שטענדיג געווען אזא גוטע ווייב צו מיר. דו פלעגסט מיר אלעמאל געבן גוטע זאכן צו עסן. יעצט געבסטו מיר נאר קרעקערס מיט מילך?"

וועט זי ענטפערן, "איך בין דיר נאך פונקט די זעלבע געטרייע ווייב, אבער דו טארסט מער נישט עסן ווייסע ברויט און פלייש. איך וועל דיר דערמיט חרוב מאכן! דיין מאגן קען עס מער נישט פארנעמען." אצינד פארשטייען מיר אז עס איז די זעלבע גוטע ווייב; נאר עס איז **'קודם החטא ואחר החטא'**. דיין ווייב האט זיך נישט געטוישט - דו האסט זיך געטוישט און זי געבט דיר וואס עס איז יעצט דאס בעסטע פאר דיר.

## דער גוטער גארטן

דער באשעפער טוישט זיך נישט! דאס מיינט, אז אלע חסד וואס ווערט אריינגערעכנט אין דעם ערשטן 'יוד קא ואו קא', איז גארנישט ווייניגער אין דעם צווייטן 'יוד קא ואו קא'. עס איז פונקט דער זעלבער באשעפער פאר דעם חטא און נאך דעם חטא.

עס איז גארנישט דא קיין טויש אין אים, כביכול - נאר אז צומאל איז דאס בעסטע פאר דיר קרעקערס און מילך אנשטאט פעטע קוגלען.

מיר וועלן נעמען אלס ביישפיל אדם הראשון, דער ערשטער מענטש. איידער ער האט געזינדיגט האט ער געלעבט אין גן עדן. אהה! גן עדן! אין דעם גארטן האט אדם הראשון געהאט

יעדן סארט הנאה אין גשמיות. גרויסע עפלעך און מאראנצן זענען געהאנגען פון דיביימער, אזוי גרויס ווי א שטאם. ריזיגע טייטלען זענען געוואקסן - מען האט געדארפט אכטונג געבן וואו מען גייט; אויב איינע דערפון וואלט געפאלן אויף דיין קאפ וואלטסטו געדארפט אנקומען אין שפיטאל.

און זיי זענען געווען אזוי הערליך! ס'איז געווען אזא מחי' צו קוקן אויף דעם. בלויז אדורכצושפאנען דעם גארטן איז געווען א שמחה. בשעת אדם און חוה האבן צוזאמען דורכשפאצירט דעם גארטן האבן זיי הנאה געהאט פון די הערליכע סצענעס. און בשעת זיי האבן געגעסן די געשמאקע פירות האבן זיי געטאנצט פאר פרייד - זיי האבן זיך נישט גענויטיגט אין קיין מוזיקאלישע אינסטרומענטן זיך צו מאכן פריילעך; דער עולם הזה אליין האט זיי אויפגעלעבט. זיי האבן געזונגען צום באשעפער - דאס איז דער געוואלדיגער ענין פון שִׁירוּ לוֹ זַמְּרוּ לוֹ. יעדע מינוט האבן זיי קונה געווען מער אמונה, מער קרבת אלקים און מער אהבת ה'.

## פארשיקט פונעם גארטן

דאס איז געווען דער ציל פון גן עדן - אז דער מענטש זאל מצליח זיין אין די וויכטיגסטע אויפגאבע אויף די וועלט. **וְהָאֱלֹקִים עָשָׂה שֶׁיִּרְאוּ מִלְּפָנָיו** - און דער באשעפער האט געמאכט די וועלט צוליב וואס? ער האט עס געמאכט מיט איין צוועק, אז מענטשן זאלן וויסן פון אים (קהלת ג:יד). דאס איז די גרעסטע הצלחה אין אונזער לעבן - באוואוסטזיניגקייט צום באשעפער. און שמחה איז דער ווירקזאמסטער וועג צו קענען שטייגן אין אנערקענונג אין באשעפער. דער חסד ה' וואס איז געוויזן געווארן אין גן עדן איז געווען פאר אדם און חוה א געלעגנהייט צו דערגרייכן ענדלאזע גרויסקייט ווייל מיט שמחה קען מען קונה זיין די גרעסטע שלימות.

דאס איז געווען דער סדר הבריאה פאר דעם חטא - אזוי איז ערווארטעט געווארן פון זיי צו לעבן פאר דעם גרויסן טעות וואס זיי זענען באגאנגען. אבער דאן זענען זיי געפאלן פון די געוואלדיגע געלעגנהייט; דער חטא האט פאסירט - פארוואס עס האט פאסירט דארף ערקלערט ווערן באריכות; דאס איז נישט יעצט אונזער נושא - אבער עס האט פאסירט. און אצינד, **וַיְגָרֶשׁ אֶת הָאָדָם** - דער באשעפער האט ארויסגעפירט דעם מענטש פון גן עדן און ער האט געזאגט צו אים, **בְּזֵעַת אַפֶּיךָ תֹּאכַל לֶחֶם** - "פון יעצט אן וועסטו עסן ברויט מיט דיין שווייס, **בְּעִצָּבוֹן תֹּאכֲלֶנָּה**—געמישט מיט טרויער וועסטו עסן, **וְקוֹץ וְדַרְדַּר תַּצְמִיחַ לָךְ** - און דערנער און ווילדע גראז וועסטו געפונען אין דיין לעבן" (בראשית ג: יז-יט, כד). עס גייט זיין א גענצליך אנדערער סארט עקזיסטענץ; פון יעצט אן וועט דאס לעבן מער נישט זיין שטענדיג א שיסל פון קארשן.

די שאלה איז, פארוואס האט דער באשעפער גוזר געווען אזא גזירה? מענטשן מיינען אז דאס איז געווען בלויז צו באשטראפן אדם: "דו האסט זיך נישט גוט אויפגעפירט, יעצט וועל איך דיר ווייזן." אה ניין! וואס מיר לערנען אצינד איז, אז עס איז נאך אלץ דער זעלבער באשעפער - ער איז דער זעלבער חפץ חסד ווי פריער. מיר טארן נישט צולאזן אפילו אויף א רגע, אז די עצבון און די דערנער און ווילדע גראז זאלן אפשוואכן אונזער אנערקענונג אין דעם גרויסן יסוד אז עס איז דער זעלבער באשעפער און אז עס ווערט נאך אלץ געטון דער פולסטער מאס פון חסד נאך דעם חטא פונקט די זעלבע ווי פאר דעם חטא.

## פארשיקט, נישט באשטראפט

דער וַיְגָרֶשׁ איז געווען פאר אדם'ס טובה. דאס איז נישט געווען א פאטש! - "גיי ארויס פון מיין חדר!" עס איז, "איך שיק דיר צו אן אנדערע חסד אפטיילונג; א באזונדערע אפטיילונג צו קונה זיין באוואוסטזיניגקייט צום באשעפער צו קענען מצליח זיין מיט'ן לעבן - אן ארט וואו דו וועסט מער פארדינען ווי דא." פונקט ווי דער מענטש איז ערווארטעט צו קונה זיין שלימות און גרויסקייט דורך שמחה, זענען דא געוויסע צייטן ווען דער באשעפער שיקט שוועריקייטן אויף א מענטש צוליב די זעלבע סיבה.

ווייל נאך דעם חטא איז דער ערשטער פלאץ מער נישט גוט פאר דיר. ענדלאזע גוטס איז גורם דו זאלסט פארגעסן פון באשעפער - דאס איז א מענטשליכער נאטור. ס'איז ווי דער עושר וואס קוקט ארויס פון זיין טורעם הויז פענסטער און ער זעט דעם קופאל פונעם באנק וואו עס ליגן אוועקגעלייגט זיינע טייערע אוצרות אין פייער קאסעס; עס איז זייער שווער פאר אים צו אויפהייבן זיינע אויגן העכער דעם קופאל און טראכטן פון עפעס העכער ווי דאס.

אבער דער ארעמאן - אז ער קוקט ארויס פון פענסטער זעט גארנישט אויסער דאס ארעמקייט ארום אים - ער האט גארנישט אויף וואס זיך צו פארלאזן, דערפאר איז אים גרינגער צו טראכטן פון באשעפער.

דערמיט פארשטייען מיר אז דער צווייטער אויסדרוק פון 'ה', וואס גייט ארויף אויף ווען דאס לעבן איז מער נישט קיין שיסל מיט קארשן, איז נאך אלץ א געוואלדיגער חסד. צומאל זענען די שוועריקייטן און פראבלעמען די בעסטע זאך וואס קען געטון ווערן צו דיר. עס איז דער חסד פון דיר העלפן מצליח זיין אויף די וועלט, פון געפינען חן אין די אויגן פון באשעפער, דורך אננעמען ריכטיג די שוועריקייטן און לעבן און זיי ניצן צו מצליח זיין אויף די וועלט.

## נאך אלץ אינעם גארטן

אלזא, איידער מיר גייען צו די נושא פון מצליח זיין דורך די שוועריקייטן, דארפן מיר פארשטיין אז דער באשעפער לאזט קיינמאל נישט נאך פון זיין ערשטע מידה פון 'ה'. עס איז ריכטיג אז יעדער האט שוועריקייטן אין לעבן - קיינער ווערט נישט פארשוינט דערפון - אבער נישט קיין חילוק וואס, דארפן מיר אלעמאל געדענקען אז עס געפינט זיך אויך ענדלאזע שמחה אויף די וועלט.

און דער חכם ניצט אויס די שמחה ווי ווייט מעגליך. דערפאר שטייט אין קהלת, **בְּיוֹם טוֹבָה הֱיֵה בְטוֹב** - אין דעם גוטן טאג זאלסטו זיין אין גוטס (ז:יד). וואס מיינט עס "זיין אין גוטס"? פארשטייט זיך אז אויב איז עס א גוטער טאג געפינסטו זיך אין גוטס. צי איז דאס נישט איבריג צו זאגן?

"זיין אין גוטס" מיינט, דו זאלסט אויסניצן א גוטן טאג. צום ביישפיל, ווען דו גייסט אין גאס און עס איז א שיינער וועטער, פארפאטשקע נישט דיינע מחשבות צו טראכטן פון א שארפע באמערקונג וואס דיין ווייב האט דיר געזאגט היינט אינדערפרי ווען דו ביסט ארויס פון הויז. **בְּיוֹם טוֹבָה הֱיֵה בְטוֹב** - ס'איז א גוטער טאג! איז זיי אין א גוטע גוסטע און דאנק דעם באשעפער פאר דעם הערליכן טאג. 'אהה, די זיסקייט פון די זון שיינט אראפ אויף מיין פנים און ווארעמט מיר אן, און דאס דערפרישנדע ווינטל בלאזט אויף מיין פנים.' פארפאס נישט די געלעגנהייט פון ארויסברענגען פרייד פון די טיפעניש פון דיין מח.

דו פילסט זיך גוט? אלעס אין דיין קערפער פונקציאנירט מער ווייניגער גלאטיג? מאך זיכער נישט אדורכצולאזן דעם טאג! דו האסט גוטע טעג אין דיין לעבן, נישט אזוי? אויב איינער זאל דיר אפשטעלן, "מה. אזוי און אזוי, צי האסטו קאפ ווייטאג?" "ניין." "דיינע אויגן טוען דיר וויי?" "ניין." "דיינע ציינער טוען דיר וויי?" "ניין." "דיין האלז טוט דיר וויי?" "ניין." "דיינע אויערן טוען דיר וויי?" "ניין." "דיין מאגן טוט דיר וויי?" "ניין." "קיין זאך טוט דיר נישט וויי?!" "ניין."

איז פארוואס ביסטו אזוי פארזויערט? דו וואלטסט געדארפט שמייכלען! אויב דו זיצט יעצט דא און דו לעבסט און דו אטעמסט - דאס אליין איז שוין א גרויסער גליק.

## מיר האבן ליב דעם באשעפער!

לאמיר אלע זאגן צוזאמען, "הייליגער באשעפער, מיר האבן דיר ליב מיט אונזער גאנצע הארץ!" שעם זיך נישט עס צו זאגן הויעך! אויב דו ווילסט, חזר עס איבער מארגן נאכאמאל. אויב עס פעלט אויס, גיי צום טעלעפאן און מאך א לאנג-דיסטענס טעלעפאן רוף צום באשעפער און זאג אים, "באשעפער, איך האב דיר ליב!"

דאס שטייט אין קהלת; אין א גוטן טאג, זיי אין א גוטע גוסטע. "ביטע," זאגט שלמה המלך, "זיי נישט נאריש. זיי נישט א נאר און פארפאטשקע נישט דיין לעבן." דאס איז זייער א וויכטיגע לערע. אין א געוויסן זין געפינסטו זיך נאך אלץ אין גן עדן און דער באשעפער געבט דיר עס מיט א צוועק; אז דו זאלסט זיך אויפוועקן און אים דאנקען. און אויב דו קענסט דאס טון, דאן ביסטו דער גרעסטער מוצלח - דורך אנערקענען די חסדי ה' און דורך ליב האבן דעם באשעפער, דערנענטערסטו זיך אלץ מער און מער צו אים אויף דעם בעסטן אופן; דער 'ה' קודם החטא'.

נאכמער ווי דאס, דו קרעפטיגסט זיך מיט וויטאמינען פון שמחה אז דו זאלסט קענען מצליח זיין אויך אין די צייטן ווען עס קומט אויף דיר דער 'ה' לאחר החטא'. אויב א מענטש גרייט זיך אין די טעג ווען זאכן גייען גוט, אויב איז ער 'אין גוטס אין די גוטע טעג', דאן ווען עס קומט א שטיינדל, איז ער מער פעאיג צו מצליח זיין. און דאס איז געוואלדיגע הדרכה פון דער חכם מכל אדם: **בְּיוֹם טוֹבָה הֱיֵה בְטוֹב** - ווען זאכן גייען גוט, גרייט זיך אן. זאמל איין שטארקקייט און פרייליכקייט פאר'ן צוקומפט.

# חלק ג. אייביגע חסד

## זען די חסד

אלזא, נישט קיין חילוק וויפיל שמחה א מענטש האט אנגעזאמלט אין זיך פון אלע חסדי ה', פארשטייען מיר אז קיינער לעבט נישט מיט די מידה פון 'ה' קודם החטא' די גאנצע צייט. קיינער איז נישט מושלם און דערפאר גייט עס נישט אלעמאל פאָרן גלאטיג - עס זענען דא בערג אויף די וועגן; גרויסע בערג און קליינע בערג, פאר יעדן. און דאך דארפן מיר פארשטיין אז די אמת'ע טראגעדיע, דער שווערסטער בארג, איז ווען א מענטש פארפעלט צו אויסניצן די געלעגנהייטן וואס דער 'ה' אחר החטא' עפנט פאר יעדן פון אונז.

מיר דארפן וויסן אז סיי וואס עס 'פאסירט' צו א מענטש איז דעם באשעפער'ס רצון. קיינער איז נישט קראנק, קיינער האט נישט קיין שוועריקייטן, פערצופאל. און ווען דער באשעפער איז

גוזר אזא גזירה, גייען מיר צוריק צו אונזער פאנדומענטאלער יסוד פון 'ה', ה'' - אז סיי אויב עס איז 'ה' קודם החטא' און סיי 'לאחר החטא', מוז זיין אז ס'איז פאר'ן מענטש'ס טובה. **כָּל אָרְחוֹת ה' חֶסֶד וֶאֱמֶת** - אלע וועגן פון באשעפער זענען חסד און אמת (תהלים כה:י). 'כל' מיינט 'כל'! אלעס, אן קיין אויסנאם, איז חסד.

## קונה זיין באוואוסטזיניגקייט

אייגנטליך איז עס א שאלה וואס יעדער טראכטנדער מענטש פרעגט אמאל, ווייל עס פאסירן חלילה פארשידענע זאכן. אט איז א מענטש וואס איז מצליח און פלוצלינג געשעט עפעס אן אומגליק צו אים און ער געפינט זיך יעצט אין שפיטאל.

טראכט ער, 'פארוואס האט דאס פאסירט צו מיר? איך בין מער וויניגער געווען א גוטער פרומער איד. אלעס איז געגאנגען מיט מיר גלאטיג. דער באשעפער איז געווען אזוי גוט צו מיר ביז יעצט. פארוואס האט עס דער באשעפער געטון צו מיר?'

און דער ענטפער איז אזוי: עס ליגט דערין א גרויסער חסד וואס איז נאך פיל וויכטיגער ווי אלע חסדים אין די וועלט - נאך וויכטיגער ווי געזונט, וויכטיגער ווי פרנסה און שלום בית. און דאס איז דער חסד וואס ווערט גערופן: יראת ה'. יראת ה'! צו זיין באוואוסטזיניג צום באשעפער; דאס איז די וויכטיגסטע זאך אין דיין לעבן.

אלזא, איך פארשטיי אז דאס הערט זיך מאדנע צו די אויערן פון אזעלכע וואס לעבן איינגעטונקען אין גשמיות אבער עס איז א פאנדומענטאלער יסוד וואס מיר מוזן אריינגעמען אין אונזערע קעפ. מיר געפינען זיך דא צו קונה זיין באוואוסטזיניגקייט צום באשעפער - דאס איז אונזער הצלחה אויף די וועלט. און בלויז צו דעם ציל פירט דער באשעפער די פאסירונגען פון א מענטש'ס לעבן, אז ער זאל נישט זיין א דורכפאל.

## געדענק דיין טאטע

עס איז ווי א מענטש וואס פירט זיין קינד אויף זיינע אקסלען - און דאס קינד איז אזוי פריילעך צו ווערן געפירט אין די הייך; אלעס גייט אים אזוי גוט, אז ער פארגעסט אינגאנצן פון זיין טאטע - עס דאכט זיך אים אז ער איז דער הויכער. הייבט ער אן צו שטויסן מיט זיינע פיס; ער שטויסט זיין טאטע מיט זיינע פיס אין די בריסטן, ער איז אזוי פריילעך.

זיין טאטע זעט אצינד אז זיין זון איז מער נישט באוואוסטזיניג צו אים; זיין קינד שפירט זיך אין די הייך. איז ווען דער טאטע זעט אז א הונט דערנענטערט זיך, לייגט ער אראפ זיין קינד נעבן דעם הונט. "אוי, טאטי, טאטי, ראטעווע מיר!" שרייט דאס קינד. "אה," זאגט דער טאטע, "איז יעצט בין איך טאטי!"

דערפאר, יעדע מאל ווען דו האסט שוועריקייטן אין לעבן, סיי וועלכע שטערונג, זאלסטו וויסן אז דער באשעפער העלפט דיר דערמיט אז דו זאלסט אים געדענקען. מאך נוצן דערפון. דו האסט א צאן ווייטאג? זאלסטו דאנקען דעם באשעפער אויף דעם צאן ווייטאג ווייל עס צעברעכט די מחיצות, די מויערן, צווישן דיר און דעם באשעפער.

## געזונטע ציין

אויב וואלסטו געווען א קלוגער מענטש וואלטסטו געמאכט גוטע נוצן פון דעם באשעפער'ס

חסד קודם החטא. ווילאנג דיינע ציין זענען געווען געזונט וואלטסטו געווען פרייליך מיט דיינע ציין און דו וואלטסט געדאנקט דעם באשעפער א גאנצע צייט אויף דעם. דו קענסט קייען? דו קענסט אריינבייסן אין אן עפל? איז דאנק דעם באשעפער!

אבער וואס פאסירט? דו ווייסט אפילו נישט אז דו פארמאגסט ציין - דו קענסט זיך ארומדרייען חדשים אן צו אנערקענען די שמחה פון האבן ציין, פון בייסן און קייען. ווען געדענקסטו דעם חסד ה' פון די ציין? נאר ווען דער באשעפער שיקט דיר א דערמאנונג אינמיטן די נאכט. "איי באשעפער! העלף מיר! מיין צאן! מיין צאן!"

## גיין צום ציין דאקטער

יעצט געדענקסטו פון די ציין וואס דער באשעפער געבט דיר יעדן טאג. ווען עס קומען די שוועריקייטן דערמאנסטו זיך פלוצלינג אין 'טאטי'. אויפ'ן וועג צום ציין דאקטער דאווענסטו צום באשעפער אז דער ציין דאקטער זאל דיר קענען העלפן און אויסהיילן דעם צאן ווייטאג. אויך ווען ער בויערט אריין אינעם צאן, דארפסטו דאווענען אז זיין האנט זאל זיך נישט געבן א גליטש. אמאל קען דעם צאן דאקטער'ס האנט זיך געבן א גליטש און דאן בויערט ער אריין אינעם נעבנדיגן צאן. ער זאגט גארנישט, ער האלט זיך שטיל, אבער אין אפאר חדשים ארום וועסטו דארפן צוריקקומען צו פארשטאפן דעם צאן.

און אזוי גייסטו צום ציין דאקטער און דו זאגסט, "רבונו של עולם, יהי רצון מלפניך אז דו זאלסט באגלייטן דעם דאקטער מיט הצלחה, מיט סיי וואס ער דארף טון פאר מיר." אהה דער וואונדערליכע צאן ווייטאג - ס'איז א געוואלדיגע געלעגנהייט צו צעברעכן די מחיצה וואנט צווישן דיר און דעם באשעפער.

אצינד האבן מיר אן ענטפער צו די אור-אלטע שאלה, פארוואס "שלעכטע" זאכן פאסירן צו גוטע מענטשן; ווייל דער אמת איז אז עס איז נישט שלעכט - ס'איז נאר אן אנדער סארט גוטס. ס'איז א טרוקענער קרעקער אנשטאט א געשמאקער קוגל, אבער ס'איז פונקטליך וואס דו דארפסט יעצט האבן.

## באזוכן די קראנקע

יעדער ווייסט אז עס איז דא א דין פון ביקור חולים, א מצוה צו באזוכן איינער וואס איז קראנק און זען וואס מען קען טון פאר אים. אפשר קענסטו אים אויפלעבן מיט טרייסט, אדער קענסטו אים העלפן מיט זאכן וואס ער דארף. אויב ליגט ער אין שפיטאל, קענסטו אים ברענגען כשר'ע עסן. סיי וואס עס זאל זיין, איז עס א וויכטיגע מצוה.

אלזא, לאמיר זאגן ווען דו קומסט ליגט ער אויף א מאטראץ אויף די ערד. עס פאסירט אמאל, ער ליגט אויף די ערד אויף א מאטראץ, אויף א טראג-בעטל. זאגט די גמרא, אז עס איז אסור זיך צו זעצן דערנעבן אויף א בענקל. אויב ווילסטו זיצן נעבן אים, דארפסטו זיצן אויף די ערד. פארוואס איז דאס? ווייל די שכינה איז למעלה מראשו, די שכינה רוט דארט איבער זיין קאפ, איז ווי אזוי קענסטו זיך זעצן העכער ווי די שכינה?

למעשה איז דאס אן אינטערעסאנטע גמרא. פארוואס זאל די שכינה קומען צו א קראנקער מענטש? איז ער דען אזא גרויסער צדיק? ער איז א פשוט'ער איד. וואס האט ער דען געטון? ער

איז געווארן קראנק, דאס אלעס.

## די שכינה רוהט אויף די בעלי ענווה

קען מען זאגן אזוי: ווען א מענטש איז געזונט און אלעס גייט גלאטיג איז **שָׁמַנְתָּ עָבִיתָ**, ער ווערט גרויס ביי זיך, **כָּשִׂיתָ וַיִּטֹּשׁ אֱלוֹקַ עָשָׂהוּ** - און ער פארלאזט דעם באשעפער (דברים לב:טו). דער באשעפער איז יעצט ווייט פון זיינע געדאנקען. און דאן, נישט קיין חילוק ווי גלאטיג זאכן גייען, איז ער א דורכפאל.

אבער ווען דער מענטש שפירט זיך צעבראכן און נידריג, איז עס אינגאנצן אן אנדערע מעשה. אלזא, דער מענטש יעצט, בשעת ער ליגט אויף די ערד, איז ער א צעבראכענער מענטש. די גאוה, מיט וואס כמעט יעדער מענטש איז אנגעשטעקט, איז אפגעמעקט פון זיין מח. דאן זאגט דער באשעפער, "אט דאס איז דער מענטש וועמען איך זוך!" און ער קומט אראפ נאנט צו אים.

ער ווערט אצינד א באליבטער ביים באשעפער. **וְאֶת דַּכָּא וּשְׁפַל רוּחַ** (ישעיהו נז:טו) - די שכינה רוהט אויף א צעבראכענער מענטש, אויף די וועלכע האבן א נידריגן גייסט. פארוואס? ווייל דער באשעפער האט ליב מענטשן וואס זענען נישט שטאלץ; די זענען די מענטשן וואס געדענקען פון באשעפער.

## א פלוצלינגדיגע קרענק

דערפאר איז, **כשם שמברך על הטוב כך מברך על הרעה**; מען דארף מאכן א ברכה אויף אן אומגליק. ווען א מענטש איז קראנק, איז דאס פאר אים די גרעסטע טובה אויף די וועלט. אזוי דארפן מיר עס באטראכטן. צומאל קען אן ערנסטע קרענק ראטעווען א מענטש! איך האב דאס שוין צוגעזען אין לעבן.

עס איז געווען א יונגער מענטש וואס האט געארבעט אין אן אפיס. איך האב אים געקענט. ער איז געווען א יונגערמאן אן קיין פארבינדונג צו תורה און מצוות. ער איז געזעסן אין זיין אפיס און איז געווען פארנומען צו טראכטן מיט וואס ער גייט מאכן א לעבן ביינאכט. ער וועט אפשר גיין קיין מאנהעטן צום טעאטער - דאס איז וואס דאס לעבן האט געמיינט צו אים; פארברענגונגען און שפילערייען.

פלוצלינג איין טאג איז ער צוזאמגעפאלן. ער איז געפאלן צו די ערד און גע'חלש'ט. מען האט אים אין איילעניש אריינגעפירט אין שפיטאל וואו ער איז דיאגנאזירט געווארן, צום שטוינונג, אלס ליידנדער פון טובערקולאז. ער האט דאס קיינמאל נישט ערווארט, און יעצט מוז ער אפגעפירט ווערן צו אן ערהוילונגס היים פאר לאנגע חדשים.

## די בעסטע זאך

ליגט ער דארט אין ערהוילונגס היים פאר חדשים אויף חדשים און ער טראכט. נישטא יעצט קיין מאנהעטן און קיין טעאטערס, האט ער צייט צו טראכטן. און ווען ער קומט צוריק אהיים ערהוילט פיזיש, איז ער אויך גייסטיש ערהוילט. ער קומט צוריק מיט א באשלוס צו טוישן זיין לעבן. א ווירקליכע מעשה! אנשטאט צו בלייבן א שפיל-קינד און ווערן א גארנישט וואס פארפאטשקעט זיין לעבן, זעצט ער זיך אריין אין א כולל.

ער איז אויסגעוואקסן א רב וואס האט געפירט א קהלה פאר לאנגע יארן און האט זוכה געווען צו גוטע קינדער.

אלזא, ווען ער האט צוריקגעקוקט צו דעם טאג, דער שווארצער טאג אין זיין לעבן ווען ער איז צוזאמגעפאלן אין זיין אפיס, צי האט ער דען נישט אנערקענט אינעם חסד פון 'ה' לאחר החטא'? צי וואלט ער דען געבליבן מיט די טענה: "פארוואס האט פאסירט צו מיר אזא שרעקליכע זאך?!"

אייגנטליך, איז די איבערלעבעניש געווען די בעסטע זאך וואס האט אמאל פאסירט אין זיין גאנץ לעבן. און ווען ער וועט ארויפקומען אויף יענע וועלט וועט ער זאגן, "באשעפער, איך דאנק דיר אויף אלע גוטע זאכן אבער אויף דעם דאנק איך דיר די מערסטע!"

## ווערן בעסער

אלזא, ווען א מענטש איז קראנק אדער זיין ביזנעס איז א דורכפאל, אלעס גייט אים שווער, זאל ער חס ושלום נישט טראכטן פון ענדיגן זיין לעבן, נאר פארקערט; ער זאל טראכטן, 'איך האף אז איך קען לעבן לענגער אזוי, ווייל יעדן טאג וואס איך לעב איז א כפרה אויף מיינע עבירות. איך באקום אזא שלימות אין ענוה, א דערגרייכונג צו וואס איך בין דורכאויס מיין גאנץ לעבן נישט צוגעקומען. דערפאר וויל איך לעבן וואס לענגער, ווייל ווי לענגער איך לעב אין די אומשטענדן, אלס בעסער וועל איך ווערן.'

דערפאר, סיי וואס עס פאסירט אין אונזערע לעבנס, אפילו ווען אויפ'ן מאמענט זעט עס אויס ווי אן אנטוישונג, דארפן מיר וויסן אז דאס איז מיט זייער א גרויסן ציל. יסורים ממרקים, ליידענישן לייטערן אויס א מענטש'ס כאראקטער (ברכות ה:א). מיר זוכן דאס נישט, אבער דער באשעפער ווייסט וואס איז גוט פאר אונז. די אלע יסורים זענען א כפרה פאר'ן מענטש אויף זיינע זינד. ער וועט קענען זוכה זיין ארויפצוקומען צו עולם הבא אויסגעלייטערט פון זיינע עבירות, זיי זענען שוין פארגעבן געווארן דורך זיינע ליידענישן. און אזוי זענען די ליידענישן פאר זיך א גרויסע דערגרייכונג. די שווערע קלעפ אין לעבן זענען באמת א ברכה אין לעבן.

## וויסן דעם סוד

אלזא, א מענטש וואס פארשטייט וואס מיר האבן דא ארומגערעדט, ווייסט ער שוין אביסל פון די וועגן פון באשעפער און ער איז שוין גרייט צום לעבן - ער איז אנגעגרייט פאר די גוטע תקופות און פאר די שווערע קלעפ ווייל ער פארשטייט אביסעלע דעם סוד פון 'ה' ה'' וואס דער באשעפער האט אנטפלעקט פאר משה רבינו אויפ'ן הר סיני.

ער ווייסט אז דער באשעפער טוישט זיך קיינמאל נישט - עס איז אלעמאל דא דער חסד ה' דיר צו העלפן מצליח זיין אויף די וועלט. דער איינציגסטער חילוק איז נאר ווי אזוי דער באשעפער שיקט זיין חסד. איידער דעם חטא שיקט ער זיין חסד אין פארעם פון הערליכע פירות אין גן עדן; דו שפאצירסט אראפ די גאס אין שאטן פון דיביימער און דיין הארץ דערברייטערט זיך מיט גליק און פרייד - דאס איז איין וועג פון חסד ה'. און צומאל איז אויך דא טרויער; דאס איז אן אנדער סארט פון גוטס, אבער עס איז אויך גוטס. און אט דער מענטש וואס ווייסט ווי אזוי אנצוקומען צום שלימות איןביידע אופנים - סיי אין מצבים פון פרייד און סיי דורך שוועריקייטן - ער איז דער וואס וועט זוכה זיין צו די לויטערע אייביגע פרייד אין די קומענדיגע וועלט.

# שאלות ותשובות
## מיט הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

**שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך**

**שאלה:**

**פארוואס האט דער באשעפער געמאכט די פאראייניגטע שטאטן פון אמעריקע אלס א רייכע לאנד?**

**תשובה:**

פארוואס דער באשעפער האט געמאכט אמעריקע בליען? דאס איז א שאלה וואס דער באשעפער אליין דארף ענטפערן, אבער איך וועל דאך ניצן מיין קליינטשיגער מח און זאגן עפעס א סברא. איך וועל זאגן, אז דאס איז אלס שכר אויף דעם וואס אמעריקע האט געלאזט די אידן אריינקומען און זיי געגעבן די מעגליכקייטן צו לעבן מיט זייער פולע רעכטן. אנדערע לענדער האבן דאס נישט געטון אין די פריערדיגע צייטן; אבער אמעריקע, גלייך ביים אנהייב, האט אונז געגעבן די פולע רעכטן.

עס איז נישט אמעריקע'ס שולד אז מיר ניצן נישט ריכטיג אויס די רעכטן. עס איז נישט אמעריקע'ס שולד אז מיר זענען אהערגעקומען און זיך אריינגעריקט צווישן די גוי'שע געזעלשאפט וואו מיר האבן נישט געהערט - דאס איז נישט דער שולד פון די גוים.

דער באשעפער האט געשאנקען פאר אמעריקע א שטיקל שכר צוליב זייער חסד צו דאס אידישע פאלק.

אין צוגאב, איז אמעריקע אמאל געווען אן אנשטענדיגע לאנד. אין אנהייב איז אמעריקע געווען א זייער מאראלישע לאנד. דאס קען מען זען אויף זייערע מטבעות וואו עס איז אויסגעקריצט, "אין באשעפער מיר געטרויען." איך ווייס נישט ווי לאנג דאס וועט אנהאלטן. אין די היינטיגע טעג וויל דאס העכסטע געריכט - דער סופרים קאורט - דאס אראפנעמען.

שטעלט זיך פאר אזא זאך - א לאנד וואס שרייבט אויף זייערע מטבעות, "אין באשעפער מיר געטרויען"! עס קומט זיך זיי א שכר אויף דעם אליין! אלזא, די אמעריקע פון אמאל האט זיך פארדינט זייער גאנצע רייכקייט. וואס עס וועט אבער זיין אין צוקומפט, דאס קען איך נישט פאראויס זאגן.


- להחזיר עטרה ליושנה -

**מען דארף זייער נזהר זיין צו האלטן בכבוד'יג די עלטערען און ח"ו נישט מצער זיין**

**הלכות ושאלות ענינים**

**כיבוד אב ואם האטליין: 845-777-8822**

צו מנדב זיין און צו שטיצן דעם גאר וויכטיגן פראיעקט רופט דעם אוטאמאטישע נדבות סיסטעם 646-860-9985